# יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישער וועג

עסיי

פון י. ראַפּאַפּאָרט
מעלבורן, אויסטראַליע



## א

איך גלייב נישט, אַז אַ דיכטער דרייט זיך נאָר אַרום זיך, אומאָפּהענגיק פון די סאָציאַלע — און נאַציאָנאַלע גראַוויטאַציע־געזעצן, וואָס באַווירקן יעדן מענטש.

איך גלייב אָבער אויך נישט, אַז די מאַרקסיסטישע קריטיק, וואָס דערקלערט יעדעס ווערק לויט די דאָזיקע סאָציאַלע גראַוויטאַציע־געזעצן, איז גערעכט.

דער דיכטער, ווי יעדער מענטש, דרייט זיך נישט נאָר אַרום דער אייגענער אַקס, ווי די ערד, נאָר אויך, ווידער, ווי די ערד ווי די ערד אַ ר ו ם דער זון. דעם ד י כ ט ע ר ס געפילן און געדאַנקען — און במילא זיינע שאַפונגען — זענען אַ רעזולטאַט פון קאָמפּליצירטע קעגנזייטיקע באַווירקונגען פון זיין אייגן וועלטל און פון דער וועלט אַרום אים. אָבער נישט יעדעס מאָל לאָזט זיך מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, וואו עס ענדיקט זיך דאָס פּערזענלעכע, און וואו עס הייבט זיך אָן דאָס סאָציאַלע. אָפטמאָל קאָן אַ סאָציאַלע ווירקונג אַרויסרופן — אַלס רעאַקציע — דאָס אינטימסטע „איכישע" ליד, און פאַרקערט, — אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג קאָן אַרויסרופן אַלס רעאַקציע אַ סאָציאַלן אויסברוך.

דאָס איז נישט נאָר אַ שווערער געביט, נאָר ממש אַן אומדורכדרינגלעכער. און דעריבער: צולאָזנדיק טעאָרעטיש, אַז דאָס סאָציאַלע באַווירקט שטאַרק דאָס אינדיווידועלע שאַפן פון קינסטלער, טאָר מען דאָך נישט אַריינטייטשן מיט געוואַלט אַ סאָציאַלן מאָטיוו, אַ סאָציאַלן סטימול דאָרט, וואו ער לאָזט זיך נישט בפירוש אָנטאַפּן, — ווייל סוף־כל־סוף דרייט זיך דער דיכטער אויך אַרום זיין אייגענער אַקס.

יעקב גלאַטשטיין געהער אָבער צו יענע דיכטער, וואָס די סאָציאַלע באַווירקטקייט זיינע לאָזט זיך לייכט דערקענען, — מען דאַרף זי נישט אַריינטייטשן; זי לאָזט זיך לייכט אויסטייטשן.

## ב

אויפן שוועל פון 19־טן יאָרהונדערט, האָבן זיך פאַר דער יידישער געשיכטע — און במילא פאַר יעדן יידישן מענטש — אַנטפּלעקט דריי טרייסט־באַוועגונגען: 1) ציוניזם, 2) סאָציאַלע רעוואָלוציע און 3) אויטאָנאָמיזם.

פּונקט דאַן, ווען די יידישע געשיכטע איז דערגעגאַנגען ביזן סוף פון איר טראַדיציאָנעלן וועג פון גאָט־ און משיח־גלויבן, האָט דאָס יידישע לעבן דערזען פאַר זיך דריי טרייסט־וועגן, און דאָס איז נאַטירלעך: ווען אַ טייך שטויסט זיך אָן אויף אַן אומדורכדרינגלעכער שטערונג, פאַרנעמט זיך זיין לעבעדיקער שטראָם אויף אַן אַנדער וועג.

דאָס יידישע לעבן, וואָס איז סוף 19־טן יאָרהונדערט פול געווען מיט וויטאַלע כוחות, האָט — דורך זיין לעבנספּעאיקייט גופא — געמוזט שאַפן פאַר זיך אַ טרייסט־וועג, אָדער, טרייסט־וועגן. דער ווילן צום לעבן — פאַרלירנדיק די אַלטע לעבנסמעגלעכקייטן — האָט נעשאַפן פאַר זיך נייע.

די רעליגיע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער דער נאַציאָנאַליזם איז שטאַרקער געוואָרן, און דער לאַטענטער (פאַרבאָרגענער, נאָך נישט צום וואָרט, צום באַוואוסטזיין געקומענער) ציוניזם איז אַקטיוויזירט געוואָרן; דער רעליגיעזער משיח־גלויבן איז פאַרוויאַנעט געוואָרן, אָבער דער גלויבן אין סאָציאַלן פּראָגרעס, אין סאָציאַליסטישן משיחיזם האָט פאַרנומען זיין אָרט. מען האָט מער נישט געקאָנט לעבן אין די גרעניצן פון אַלטן אויטאָנאָמען געטאָ. אָבער דער גלויבן אין אַ

מאָדערנעם אויטאָנאָמיזם, אין די רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין דער גאַנצער פּראַכט פון יידישן ביטחון.

אין אָנהייב פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די אויבנדערמאָנטע דריי טרייסט־וועגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיכערקייט, אַז אַלע דריי האָפענונגען זענען מקוים געוואָרן: 1) דער ציוניזם איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע; 2) דער סאָציאַלער משיחיזם איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, אונגאַרן און אין דער ערב־רעוואָלוציע־שטימונג אין דער גאַנצער וועלט, און 3) דער אויטאָנאָמיזם האָט געהאַט צו פאַרצייכענען גאַנצע, האַלבע און שטיקלעך אויטאָנאָמיע אין עטלעכע לענדער (אוקראַינע, ליטע, לעטלאַנד) און דעם מינדערהייטן־טראַקטאַט מצד דעם פעלקער־בונד.

אונטערן צייכן פון די דאָזיקע טרייסט־באַוועגונגען — און שפּעטערע אילוזיעס — האָט זיך געענדערט דאָס פּנים, די פּסיכיק און די שטימונג פון אונדזער לעבן און ס'איז אויך געוואַקסן און האָט געענדערט איר פּנים די יידישע ליטעראַטור.

## ג.

אין וואָס זענען באַשטאַנען די עיקרדיקע ענדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין דער תקופה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה?

ביז דער מלחמה האָט די פּראָזע — בדרך־כלל — ווייט־ווייט אַריבערגעשטיגן אונדזער דיכטונג, — די ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט אַן איינגעפונדעוועט לעבן (אפילו אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון זיין פאַנאַנדערפאַל, איז דאָס דאָזיקע לעבן געווען איינגעפונדעוועט; אויב נישט אין לעבן גופא, איז אין דער פּסיכיק, וואָס ענדערט זיך נישט אַזוי שנעל), און די פּראָזע האָט געהאַט דאָס הויפּטוואָרט; איצט האָט די דיכטונג ווייט אַריבערגעשטיגן די פּראָזע, — די ליטעראַטור האָט גענומען געבן אַן אויסדרוק דער עיקר געפילן, האָפענונגען און פאַרלאַנגען.

די פאַרלאַנגען זענען געווען סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, אַלמענטשלעכע. אָבער איבער דידאָזיקע אַלע פאַרלאַנגען האָט געהערשט אַ וואונדערבאַרע שטימונג, אַן אַלגעמיין געפיל: עס איז לייכט געוואָרן צו זיין אַ ייד און עס איז לייכט געוואָרן צו ווערן אויס ייד (אפילו בלייבנדיק נאָמינעל אַזאַ). אַלע וועגן צו דער וועלט זענען געוואָרן פריי.

עס איז נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק שווער געווען צו זיין אַ ייד, — ס'איז גענוג צו לייענען מ. ז. פייערבערגן און ח. נ. ביאַליקן; די וועלט איז פאַר זיי געווען פאַרשלאָסן אָדער פיזיש אָדער פּסיכיש (אָדער אויף בײדע שלעסער).

אָבער נאָך שווערער איז געווען צו ווערן אויס ייד, — זע די זעלבע מ. ז. פייערבערג און ח. נ. ביאַליק: ווי אַזוי קאָן מען פאַרלאָזן אויף איין מינוט אַ פאָלק — אַ חולה מסוכן, אַ פאָלק, וואָס ווערט פאַרפאָלגט, וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין קיום. זיין אַ ייד האָט געהייסן ברענגען אַ קרבן, איז געווען אַ לאַסט, און דער וועג צו ווערן אויס ייד האָט געפירט בלויז דורך דעם שמאָלן, שמוציקן שטעג פון צביעותדיקן בייטן דעם גלויבן, פון נאַציאָנאַלן פאַרראַט, פון אַריבערלויפן פון די פאַרפאָלגטע צו די פאַרפאָלגער.

און מיטאַמאָל איז דאָס געוואָרן אַנדערש: ס'איז לייכט צו זיין אַ ייד — די ישועה איז אויסגעשפּרייט אין דריי ריכטונגען, לויט יעדנס געשמאַק; און צו ווערן אויס ייד איז אויך לייכט — נישט נאָר מען דאַרף קיינעם נישט פאַרראַטן (ווייל די רעטונג פונעם פאָלק איז געזיכערט, קיינער פאַרפאָלגט אים נישט און פון אַלע זייטן ווינקען רעטונגס־וועגן), נאָר מען קאָן ווערן כמעט אויס ייד, גאָר נישט טוענדיק דערצו: מען הערט פשוט אויף צו טראָגן די יידישע לאַסט, די לאַסט פון קיום האומה, און מען פאַרזינקט, אַ באַפרייטער, אין דער וועלט, אין דער וועלט פונעם איך, אין זיך.

די גרופּע „אינזיך" איז טאַקע די שאַרפסטע קריסטאַליזאַציע פון דער דאָזיקער שטימונג, איינער פון אירע אויסדרוקן. ס'האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ כוואַליע פרייד ביי דער מעגלעכקייט אָנשטענדיק, נאָרמאַל צו אַנטרינען, און אַרויסגעריסן פון די ענגע ראַמען פון די יידישלעכע פּראָבלעמען, האָט מען אַ שווים געטאָן אין דער אומענדלעכער וועלט פונעם מענטשלעכן „איך" מיט אַלע זיינע איבערלעבונגען, וואו די יידישע קנייטשן זענען אויך נאָר אַ טייל פונעם אומענדלעכן אַלמענטשלעכן „איך" און נישט עפּעס אָפּגעזונדערטס, ספּעציפישס, — מען זעט עס און מען פילט עס און מען לעבט עס איבער גאָר אַנדערש ווי אַמאָל.

יעקב גלאַטשטיין איז איינער פון די דאָזיקע אינזיכיסטן (זיי זענען געווען אַ סך מער, ווי די, וועלכע האָבן געהערט צו דער באַשטימטער „אינזיכיסטישער" גרופּע, — די גרעסטע טייל יידישע שרייבער און דיכטער האָבן זיך באַנוצט מיט דער נאַציאָנאַלער אַמנעסטיע לכבוד דער לייכטקייט צו זיין אַ ייד און צו ווערן אויס ייד און זענען פאַרזונקען אין זיך, הגם נישט תמיד פון אַ באַשטימטער טעאָרעטישער ריכטונג), איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע פאַרשטייר פון פרייען, באַפרייטן יידישן קינסטלער.

## ד

דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע צייט. ס'איז געווען אַזוי גוט נישט צו פילן אויף זיך דעם הויקער פון דער זאָרג פאַרן קיום האומה. מען האָט ענדלעך געקאָנט זען נישט נאָר דעם „יידישן מאַי", נאָר דעם מאַי אַלס אַזאַ; מען האָט געקאָנט ריידן צום פויגעלע נישט ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ מענטש, ווי אַ דיכטערישער מענטש; מען האָט, מיט איין וואָרט, באַקומען אַ מאָראַלישע דערלויבעניש צו פאַרגעסן וועגן פאָלק און אָפּצוגעבן זיך מיט זיך אַליין, מיט די קינסטלערישע נייגונגען, מען האָט געקאָנט זיין בלויז קינסטלער (דאָס, וואָס מען האָט ביז דאַן נישט געקאָנט מיט אַ רואיקן געוויסן).

געוויס, די גרופּע „אינזיך" האָט געשעפּט השפּעה פון דעם אַרום, פון די אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע מאָדערנע פּאָעטישע ריכטונגען, — אָבער אָפּצוגעבן זיך דער דאָזיקער השפּעה האָבן זיי געהאַט — פּסיכיש און מיט אַ ריינעם געוויסן — די מעגלעכקייט נאָר אַ דאַנק דער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער אינעם יידישן לעבן פון די צוואַנציקער יאָרן.

ווי פאַרשטענדלעך עס איז די שפּילעוודיקייט פון אַ גלאַטשטיין נישט נאָר דיכטעריש־אינדיווידועל, נאָר יידישלעך־סאָציאַל.

דער יידישער קינסטלער, וואָס האָט נאָך אָט־אָ־דאָ גאָרנישט לאַנג נישט געטאָרט אָפּרייסן זיך פון דער זאָרג פאַרן קיום האומה און זאָגן: „מה נאה אילן זה", — דער דאָזיקער דיכטער קאָן זיך צוהערן בלויז צו די קאַפּריזן פון זיין „איך", צו זיינע אינערלעכע, אינטימסטע אַסאָציאַציעס; נאָך מער, ער קאָן אַפילו שפּילן זיך מיטן וואָרט אויף פּוסט, — ער, וואָס האָט נאָך אָט־אָ־דאָ נישט לאַנג נישט געטאָרט באַנוצן דאָס וואָרט אומזיסט, ווי מען טאָר נישט אַרויסברענגען מיט די ליפּן גאָטס נאָמען אומזיסט־אומנישט.

געוויס, כדי צו קאָנען זיך אַזוי פאַרשיכורן מיטן וואָרט, מיטן וואָרט־קלאַנג, מוז מען האָבן ספּעציעלע פעאיקייטן, וועלכע יעקב גלאַטשטיין פאַרמאָגט טאַקע. אָבער כדי די דאָזיקע פעאיקייטן זאָלן זיך קאָנען ווי געהעריק צעבליען, מוזן זיי האָבן אַ געהעריקע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער.

און יעקב גלאַטשטיין האָט זי געהאַט אין דער אַטמאָספער פון באַפרייטקייט פון דער ספּעציפישער לאַסט פון יידנטום: דער נאַציאָנאַלער אויסנאַם־צושטאַנד איז פאַרענדיקט, — דער יחיד (אינעם דאָזיקן פאַל דער דיכטער) ווערט דעמאָביליזירט און ער קאָן טאָן מיט זיך וואָס ער וויל.

אָט אין דער אַטמאָספער בליט זיך פאַנאַנדער (אָפט אויף פּוסט) דער ערשטער דיכטונג־פּעריאָד פון יעקב גלאַטשטיינס לאַנגן אָבער נישט־גלייכן דיכטערישן וועג.

## ה

די יידישע דיכטונג פון פאַרן אינדיווידועלן מתן־פרייהייט, איז בעיקר געווען אַ דיכטונג פון „מאי קא משמע לן?״, מיט אַן איבהאַלט; יעקב גלאַטשטיין איז איינער פון די, וועלכע זענען פאַרלאָפן אין ווייטסטן ווינקל פון קעגנזאַץ. נישט נאָר ער וויל זיך באַפרייען פונעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט, נאָר פון געוויינלעכן אינהאַלט אפילו, ער וויל זיך אַזש באַפרייען פונעם וואָרט גופא, וועלכן ער רייסט אָפּ פון זיין וואָרצל, פון זיין נאַטירלעכן עלעמענט. יעקב גלאַטשטיין איז אַ וואונדערבאַרער מייסטער פון יידיש, אַ שעפער פון נייע וואָרט־קאָמבינאַציעס, פון נייע ווערטער אפילו. ווען ער גיט אַ פאַרייניק אין זיין שטיפערישער וואָרט־שפּילעריי די צוויי ווערטער: „פאַרגעניגן״ און „נחת״ און מאַכט פון זיי אַ „פאַרגענאַכעס״, פילן מיר, אַז נישט נאָר מיר, — אויך דער שר פון דער יידיש־שפּראַך גיט זיך אַ צעשמייכל גנעדיק און באַוויליקט דעם שעלמישן איינפאַל פון זיין שטיפערישן פאַרגענאַכעסל. אָבער וואָרט־שעפערישקייט איז שפּראַך־אויסשפּרייטונג. שפּראַך־פאַרטיפונג; וואָרט־שעפערישקייט הייסט באַרייכערן אַסאָציאַטיוו אַ וואָרט, דורך ענדערן עס, אָדער באַרייכערן די שפּראַך אַסאָציאַטיוו דורך קאָמבינירן אַלטע ווערטער אין נייע וואָרט־פאַרבאַנדן. אָבער שפּראַך־שעפערישקייט הייסט נישט וואָרט־צעשטערונג, וואָרט־רעבוסעריי (כ׳האָב שיער נישט געזאָגט וואָרט־לאָבוסעריי), קאָפּצעברעכערישער אַקראָבאַטיק אויף אויסצוגעפינען אַ זין, אויף אויפצוכאַפּן אַ וואָסער־נישט־איז זינפולע אַסאָציאַציע (אויב זי איז בכלל דאָ). „גאָטבעכי״, למשל, איז נישט קיין ניי שעפעריש וואָרט, נאָר אַ זינלאָזע שטיפעריי. אמת, נאָך נישט קיין שעדלעכע, ווי דאָס זענען די צעקאַליעטשעטע ווערטער פון אַנדערע געדיכטן.

קיינער וועט מיר נישט איינרעדן, אַז דאָס געדיכט „זייגער און מאַמע״ (אין יעקב גלאַטשטיינס „יידישטייטשן״) האָט אַ זין אָדער אפילו בלויז אַ דיכטערישע שטימונג.

אָט איז דאָס געדיכט (עס איז גאָט צו דאַנקען קורץ):

אַ קליק טיקט און זי אַ
איז אַ ווארעם און אויג
און אויג און כאַ און האַנט און האַנט
און קלייד און קליק
קליק קליק קליק״.

לאָמיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל, דאָס ליד: „נאַכט, זיי שטיל צו מיר״:

עס הייבט זיך אָן אַזוי:
נאַכט, זיי שטיל צו מיר —
שטילע נאַכט.
נאַכט, זיי לאַנג צו מיר — לאַנגע נאַכט״.

דאָ איז נאָך גאָרנישטאָ, אָבער מען קאָן נאָך עפּעס דערוואַרטן. אָבער — אָט קומט דער המשך:

מיט מיר אונטער דעם צודעק זיי שוויג צו מיר —
שווייגע נאַכט.
איך וועל עס דריי מאָל איבער איבערן,
העכער פון דער מורא זינגען.
היימלעך איז מיר דער גרויל פון דיינע
קעצלדיקע אויגן אין אַלע טונקלען.
ליב איז מיר די שרעק פון דיינע
מיליאַסן רוישן אין אַלע ווינקלען.
די מאַמע איז אַ מערדערין,
איר אַרט נישט, וואָס אַ שאָטן
שאַרפּט אַ מעסער און וויל מיך קוילן.
זי איז אַוועק אין טאַטנס בעט.
און איר אַרט נישט, וואָס מאָרגן
וועט מען מיך געפינען אַ דערוואָרגן,
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך
נישט.
דורך דער שמאָלער סטעזשקע
נאַכט זיי קום צו מיר.
צו מיר אין פענסטער.
נאַכט זיי קוק צו מיר.
קוקע נאַכט.

אין די נאָרמאַלע טיילן זיינע איז דאָס ליד שוואַך, אָבער וואָס זאָל מען זאָגן צום „קוקע נאַכט״ אָדער צו „שווייגע נאַכט״?

און וואָס זאָל מען זאָגן צו אַזאַ קעפּל פון אַ ליד:

„אוי די נאַכט,
אָ די נאַכט.
אהא די נאַכט?
אַזאַ די נאַכט?

צום בעסטן האָט וועגן דעם געזאָגט יעקב גלאַטשטיין אַליין, אין עטלעכע שורות פונעם דאָזיקן ליד:

גאַנצע וואַסער איז אַרויס.
פלייצן די קאַנאַלן,
גראַמען די באַנאַלן
שוימען די באַקאַלן —
און אַזוי ווייטער.

די פרייהייט, וואָס די יידישע דיכטונג האָט באַקומען, האָט זי, — ווי דאָס געשעט אָפט מיט פּלוצלונג באַקומענער פרייהייט — פאַרוואַנדלט אין הפקרות.

אויך אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן האָט יעקב גלאַטשטיין מעלות, מען קאָן זיי נישט פאַרלייקענען, — אָבער וועגן זיי וועט אויסקומען צו רעדן אַ ביסלביים פאַרגלייכן זייער יוגנט מיט זייער רייפן עלטער: ווי די מעלות זעען אויס אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, ווען דער דיכטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע יידישע עולן און זיך צעשטיפט, ווי אַ קונדעס, וואָס לויפט אַרויס פאַרנאַכט, נאָך אַ לאַנגן זומערטאָג אין חדר, און ווי זיי זעען אויס שפּעטער, אין פּעריאָד פון זיין שטראַלנדיקער דיכטונג.

## ו

אַלע דריי טרייסט־וועגן זענען גאָר גיך פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ נעפּל פון אַנטוישונג און יאוש. די אויטאָנאָמיע־טרוימען האָבן געפּלאַצט ווי קינדערשע זייפנבלאָזן, און די מינדערהייטן־טראַקטאַטן פון דער פעלקערליגע זענען נישט ווערט געווען דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי זענען אויפגעשריבן געוואָרן; דער סאָציאַלער משיחיזם האָט זיך פון אַ ראָזאָווער האָפענונג גענומען פאַרוואַנדלען, נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, אין אַ קאָשמאַר: אייראָפּע האָט מיט אירע רעוואָלוציעס געמפּילט און זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט דער העסלעכסטער רעאַקציע — מיטן פאַשיזם; און אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס געבוירענע קינד געוואָרן — אַ טיגער; און אין ארץ־ישראל האָט די באַלפור־דעקלאַראַציע, צוזאַמען מיט דער פייערלעכער דעקלאַראַציע פון צוויי און פופציק פעלקער, גענומען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וויסן פּאַפּיר, ווייל זייער אינהאַלט האָט גענומען אָפּגעמעקט ווערן. דער אַנטשטייענדיקער רעוויזיאָניזם איז געווען אַ דירעקטער ענטפער אויף דער פאַרצווייפלונג, וואָס עס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

אויף יעדן וואָלקן, וואָס האָט פאַרצויגן די הימלען פון דער וועלט, איז דער יידישער הימל פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ גאַנצן שאָק וואָלקנס. מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט איז דער יידישער הימל געווען איין גרויסע כמאַרע (און אין די יאָרן 1939 — 1945 האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן דער מוראדיקער בליץ, וואָס האָט אונדז פאַרברענט כמעט ביזן וואָרצל).

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די טרייסט־ווערטער זענען געווען אַ פאַנטאָם, אַז נישט עס איז לייכט געוואָרן צו זיין אַ ייד און נישט עס איז לייכט געוואָרן צו ווערן אויס ייד, — פאַרקערט, די לאַסט פון דער זאָרג פאַרן קיום האומה איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שווער און פאַרפליכטנדיק, ווי איצט.

דער דאָזיקער איבערברוך אינעם יידישן לעבן האָט געגומען באַקומען אַלץ אַ שטאַרקערן אָפקלאַנג אין דער ליטעראַטור. און פונקט, ווי די פרייהייט־אילוזיע האָט באַקומען אַן עקסטרעמען אויסדרוק אין יעקב גלאַטשטיינס דיכטונג פון די צוואַנציקער יאָרן, אַזוי האָט די גרויסע רעאַקציע אין דער יידישער שטימונג באַקומען דעם עקסטרעמסטן אויסדרוק אויך ביי יעקב גלאַטשטיינען אין זיין באַרימטן ליד: „אַ גוטע נאַכט, וועלט״.

דאָס דאָזיקע ליד האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקע פּראָוואָצירנדיקע פּובליציסטישע זייט און מען האָט צוליב איר פאַרזען דאָס גרויס־דיכטערישע אין אים. ווי אַ שאַרפע פייל האָט זיך אין אַלעמענס באַוואוסטזיין איינגעשניטן דער „צוריק אין געטאָ!״ און מען האָט זיך געוואָרפן אין אידעאָלאָגישן קאַמף צי מען דאַרף און צי מען קאָן צוריקגיין אין געטאָ.

מיט דער צייט אָבער, וואָס מער דער פּובליציסטישער רעש אַרום דעם־אָ ליד איז איינגעשטילט געוואָרן, אַלץ מער האָט גענומען אַרויסטרעטן אין פאָדערגרונט זיין דיכטערישער אינהאַלט, זיין געמיט־אינהאַלט. די, וואָס האָבן אַן אויער פאַר דיכטונג, האָבן, נאָך אַ צייטווייליקער פאַרטויבונג, אָנגעהויבן אַרויסצוהערן פון דאָזיקן ליד די עכטסטע דיכטערישע קלאַנגען, אָנגעפילט מיט אַ טיפן געפיל־אינהאַלט, מיט אַ טיפן יידישן אינהאַלט. און דאָס ליד, אַנשטאַט פאַרגעסן צו ווערן, האָט גענומען אַרויסווייזן זיינע אייביקייט־טענדענצן. די שורות, מיט וועלכע יעקב גלאַטשטיין שילדערט די אַלטע יידישע וועלט, צו וועמעס אינערלעכער ריינקייט און מענטשלעכער פולקייט ער בענקט פון דער אינערלעכער פוסטקייט און מענטשלעכער נישטיקייט פון דער גויישער, זענען פול מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער עמאָציע, מיט אַזאַ שפע איבעררראַשנדיק־סוגערירנדיקע בילדער, אַז דאָס ליד וועקט אויף אין אונדז אַלע שטראָמען פון בענקשאַפט צו דער פאַרגעסענער און פאַרגייענדיקער יידישער גייסטיקער שיינקייט.

פאַראַן שרייבער, וואָס וואַרפן נאָך היינט פאַר גלאַטשטיינען זיין „אַ גוטע נאַכט, וועלט״, ווי אַ קאַפּריז אָדער ווי אַ נאַרישקייט, מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעמען, וואָס מען דאַרף מוחל זיין; אָבער איך האַלט, אַז דאָסדאָזיקע ליד, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק גלאַטשטיין, דעם דיכטערס איבערברוך־מאָמענט, איז איינס פון די טיפסטע מאַניפעסטאַציעס פון יידישן גייסט, אָדער ריכטיקער: פון יידישן געפיל פנים־אל־פנים מיט דער היינטיקער גייסטיק־העסלעכער און אַממאָראַלישער וועלט.

פאַראַן שטעלן אין דאָזיקן ליד, וואָס זאָגן אַזוינס, אַז מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן עס זאָל מעגלעך זיין אַ בעסערער אויסדרוק פאַר די־אָ שטימונגען, וואָס יעדער ייד מוז זיי פילן אויב ס׳איז נישט אַטראָפירט ביי אים אַלדאָס יידישע:

וויִשט אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפורן,
כ׳וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

וואָס קאָן זיין שלימותדיקער אין אויסדרוק פאַר די דאָזיקע עטלעכע גרויס־דיכטערישע שורות, אין וועלכע עס־צאַפּלט זיך אי דער יידישער עקל (אין זיין פיזישער אָנמאַכט), אי דער יידישער שטאָלץ (אין זיין גייסטיקער מאַכט)?

צוריק, צו מיין קעראָסין, חלבנעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מיינע שמות, מיין סוואָרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טייטש,
צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.

סאַראַ זיסע געמיט־אַסאָציאַציעס עס פאַרמאָגן די דאָזיקע ווערטער, אָט־די דיכטערישע קריסטאַלן פון אויפגעברויזטע געפילן, לאַנגפאַרשטויסענע, האַלב־פאַרגעסענע ווירקלעכקייטן און היימישקייטן, צו וועלכע מען בענקט צוריק אין דער שאַרפער קעלט פון אַ פרעמדער, ביז־גאָר פאַרפרעמדטער וועלט.

אַ וועלט אַ גאַנצע וועקן זיי אויף צום לעבן, אָט־די ווערטער, וואָס זענען בלויז דיכטערישע סטענאָגראַפישע צייכנס, וואָס ווען מען שפירט זיי ווי געהעריק, דערציילן זיי אַלץ, אַלץ, דעם גאַנצן אינהאַלט.

היינט די אָפּשלוס־אַקאָרדן פונעם דאָזיקן ליד:

און איך האָב האָפן, אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין טאָג־אויס מיין וואָרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

דער גאַנצער אָפּשלוס פונעם דאָזיקן מעכטיקן ליד איז גרויס־דיכטעריש, סינטעטיש פאַר די טיפסטע יידישלעכסטע געפילן פון אַ גאַנצן דור, אָבער די לעצטע צוויי שורות:

כ׳קוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען. —

זענען, ווי דער אויסברוך פון אַ טיפן שלוכץ, וואָס פּלאַצט אַרויס אומגעריכט, כמעט ווי אָן אַן איבערגאַנג; אָבער דאָס אַלץ, וואָס דאָס גאַנצע ליד מיט זיך צו זאָגן — און זאָגט עס גוט — אין געפילסבאַגריפלעכע שורות, גיט זיך אַ ריר אַרויס פון די טיפסטע טיפענישן און גיט אַ ריס אויף דעם דיכטערס געמיט — און אויך אונדזערן. — און מיר דערזעען און דערפילן זיינעם און אונדזער געמיט ביז די טיפסטע טיפענישן. די גאַנצע יידישע פאַרצווייפלונג און די גאַנצע יידישע האָפענונג — אין די שטיקצוואַנגען פון יאוש. — האָבן זיך אַריינגעפרעסט אין די קלאַנגען און ווערטער פון דאָזיקן פאַרצווייפלטן און דאָך אויך באַפרייענדיקן אויסגעשריי.

די דאָזיקע צוויי שורות אַנטפּלעקן אַזויפיל, אַז עס איז שווער זיי צו אַנאַליזירן. דאָס, וואָס מען זעט אין טאָגליכט, קאָן מען באַשרייבן, עס ליגט ווי אויף דער האַנט און דו דאַרפסט רואיק קוקן און באַשרייבן, אָבער דאָס, וואָס דו זעסט — אָדער ריכטיקער: וואָס דו אַנסט — ביי אַ גראַנדיעזן, אָבער קורצדויערנדיקן בליץ, קאָנסטו נישט באַשרייבן, הגם דו האָסט אַלץ דערזען און געאַנט אין איין אויגנבליק. דער בליץ האָט אַלץ באַלויכטן און אַלץ געוויזן, אָבער אין איין אויגנבליק, אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם. דו פאַרמאַכסט די אויגן און דו זעסט עס ווידער, אָבער באַשרייבן עס — און דער עיקר: ווייזן עס יענעם, — איז שווער, כמעט אוממעגלעך.

ווייסן, וואָס עס ליגט אין דידאָזיקע שורות וועלן נאָר די, פאַר וועמען עס וועט פון זיי אַרויסשלאָגן דער בליץ, וואָס אַזאַ דיכטונג אַנטהאַלט.

זייט 1938, ווען דאָס דאָזיקע ליד איז דערשינען, האָב איך שוין הונדערטער מאָל געלייענט און פאַרגעזאָגט־פאַרגעשלוכצט פאַר זיך די דאָזיקע צוויי וואונדערבאַרע שורות:

כ׳קוש דיך, פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.
ס׳ווײנט אין מיר די פרייד פון קומען.

און ווען כ׳וואָלט פאַרבלענדט פונעם בליץ און ווען כ׳דערפיל, ווי אַ ריזיקע כוואַליע אין זיך, דעם אויפקומענדיקן שלוכץ, זע איך תמיד, ווי יעקב גלאַטשטיין איז דאַן, ביים שרייבן דאָס דאָזיקע ליד, אומגעריכט פאַרבלענדט געוואָרן דורך דעם זעלבן בליץ און עס האָט זיך אַ כוואַליע געטאָן אין אים דער זעלבער מעכטיקער, אינערלעכער שלוכץ.

דער שלוכץ פון אַ פאָלק אויף דער שוועל פון געאַנטן אָפּגרונט.

דאָס ליד: „אַ גוטע נאַכט, וועלט" איז, אין די סוף דרייסיקער, געווען אַ קבר־שטיין אויף די אילוזיעס פון די דריי טרייסט־וועגן און גלייכצייטיק אַן ענטגילטיקער קבר־שטיין אויף יעקב גלאַטשטיינס הפקרדיק־פרייער דיכטונג.

ז

יעקב גלאַטשטיינס „ווען יאַש איז געפאָרן" איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג: נאָך דער מערהייט געדיכטן פון די „יידישטייטשן" האָבן, דורך דער שפּראַך־מייסטערשאַפט פון דאָזיקן פּראָזע־בוך, גענומען אַרויסבליקן אויף מיר אַ פּאָר טיף־ערנסטע אויגן. איך געדענק: כ׳האָב זעלטן־זעלטן געהאַט אַזאַ הנאה פון אַ פּראָזע־בוך פון אַ היינטצייטיקן יידישן שרייבער.

אָבער ערשט אין צווייטן באַנד פון זיין טרילאָגיע: „ווען יאַש איז געקומען", זאָגט דער מער ווי אינטערעסאַנטער שטיינמאַן (זייט 223):

„אונדזער מיסיע מוז אַריין ווי אַ דיבוק אין אונדזער ליטעראַטור. זי מוז זיין ריינער און דערהויבענער פון אַנדערע ליטעראַטורן. גראָד די אומות העולם האָבן זיך געלאָזט באַווירקן פון דער ביבל און זייערע ליטעראַטורן האָבן אַרויסגעגעבן ריזן, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער ביבל. אָבער מיר יידן האָבן זיך געשטעלט מיטן רוקן צו אונדזער ספר הספרים.

גיט אַ טראַכט, וועט איר פאַרשטיין. וואָס איז די גלאָריע פון אונדזער ספר? דער נביא, דער ריינער מענטש, דער פייערדיקער מוכיח, דער מענטש פון געוויסן, דער, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין עוולות. דאָ ליגט אונדזער עקזיסטענץ־יסוד פאַר דער צוקונפט".

דאָ שטייט שוין גלאַטשטיין מיטן רוקן צו זיין פריי־הפקרדיקער שפּיל מיט דער „קוקו־נאַכט", מיט דער „שווייגע נאַכט" און מיט אַ סך אַנדערע לייכטזיניקע וואָרט־שפּילערייען. דאָ זוכט שוין פאַר אים שטיינמאַן אַן אינהאַלט פאַר זיין דיכטונג. ער זוכט שוין נישט נאָכצומאַכן די פרעמדע ליטעראַטורן און זייערע מאָדערנע אַוואַנטורעס מיט דער דיכטונג, כדי צו פייערן זיין וואָרצללאָזע פרייהייט פון דער יידישער לאַסט; ער זוכט שוין ביי די פרעמדע ליטעראַטורן אַ הכשר אויף צו פאַרוואָרצלען זיך אין אונדזער ספר־הספרים.

שטיינמאַן־גלאַטשטיין נעמט באַגרייפן, אַז „אונדזער לעבן באַשערט אונדז נישט די רו, וואָס איז נויטיק פאַר אַזאַ ליטעראַטור. מיר האָבן פשוט נישט די איינגעפונדעוועטקייט דערפאַר"... (ז. 218 און ווייטער פאַרמאָגן בכלל אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור בכלל און וועגן זייער ליטעראַטור און אונדזער ליטעראַטור בפרט).

דאָס איז נאָך אָבער גענוג אַבסטראַקט. קאָנקרעטער ווערט יעקב גלאַטשטיין אין זיינע פיל שטאַרקערע „געדענק־לידער", פון וועלכע עס קוקט אַרויס צו אונדז אַ גאַנץ אַנדער גלאַטשטיין, ווי פון די פרייערדיקע לידער־ביכער.

אינעם ליד „אַ חלום", פירט ער אַ שמועס מיט אַ פויגל, וואָס
ענטפערט אים, אַז זי איז ביאַליקס פויגל — „אני הציפור של ביאַ
ליק".

און יעקב גלאַטשטיין איז צופרידן:

זע מיין פרייד, וואָס ביסט נישט דער פינצטערער פּאוסער,
נאָר אַ נאַשבראַט — אַ יידישער פויגל, אַן אָדעסער...
אָנגעלייגטער גאַסט, איך באַגריס דיך.
פויגל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.
ווי, וויפל וואַסערן זענען אָפּגעפלאָסן.
פאַרוואָר, פאַרוויאַנעט גראָז איז איצטער דאָס פאָלק,
חכמה האָט ער געהאַט, וואָרט האָט ער פאַרמאָגט...
ער איז דאָך געוואָרן אונדזער פעלז.
אַ מויער איז ער אונדז געווען...
און צאָרנען האָט ער געצאָרנט,
שטראָפן האָט ער געשטראָפט
און געווען איז ער אַ וועקער,
און וואָרענען האָט ער געוואָרנט,
אַ שאַלער, אַ טרייסטער, אַ מעורר.
פויגל פון האַרבסט, איידער דו שטאַרבסט
און ווערסט בלויז אַ געדעכעניש,
אפשר קענסטו מיר איצט איבערענטפערן
בירושה דאָס וואָרט...
איך וועל אַ בלאָז טאָן דעם לעבעדיקן אָטעם
אויף דעם גאַנצן גלות"...

אַ מער בולטן אָפּזאָגן זיך פון וואַנדערן אין פרעמדע וויסטעס או
אַ מער בולטע בענקשאַפט נאָכן איבערנעמען די ירושה איז זיך שווע
פאָרצושטעלן. יעקב גלאַטשטיין זאָגט זיך דאָ ענדגילטיק אָפּ פון פרי
זיין פון אַלע וואָרצלען און וויל ממשיך זיין די אַרבעט פון דע
וואָס איז געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון ירושהדיקייט, דע
בולטסטער טרעגער פון דער לאַסט פון קיום האומה:

ווי אויסגעגאַנגען בין איך פון בענקשאַפט
נאָך דיין זיסן קוילכל און קלוגן שנאָבל.

זאָגט ער צום פויגל, אַנטפּלעקנדיק פאַר אונדז דאָס, וואָס ע
איז אונדז אָפט געווען קלאָר אויך אָן דאָזיקן ווידוי: ווי קאָן אַ יידישע
דיכטער זיך באַפרידיקן מיט וואָרט־שפּילערייען (אָפטמאָל געלונגענ
אָפטמאָל צווייפלהאַפטע) אין אַ דור ווי אונדזערער, אין אַ איבערגאַנג
דור, אויף דער שוועל פון פינפטן אַקט פון דער גרעסטער געשיכט
לעכער טראַגעדיע?

פאַר אַנדערע איז אפשר צוגעפּאַסט פּאוס פויגל, פאַר אונדז אי
צוגעפּאַסטער ביאַליקס.

ח

ביאַליקס פויגל האָט דערהערט יעקב גלאַטשטיינס גליענדי
וואונטש און זי האָט אים „איבערגעענטפערט בירושה דאָס וואָרט".

מעגן אַ סך זען אין יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישן וועג אַיין נישט
איבערגעריסענע, הגם כסדר־שטייגנדיקע ליניע, — איך זע אין זי
שאַפן אַ שאַרפן אויסבויג, אַ שאַרפן איבערברוך. יעקב גלאַטשטיין פ
די לעצטע 10־12 יאָר איז נישט דער זעלבער גלאַטשטיין פון פאַ
דאָזיקן פעריאָד. אמת איז, אַז אַלע מעלות פון פריערדיקן גלאַטשטי
נישן שאַפן געפינען מיר אויך אין איצטיקן שאַפן זיינעם; אָבער או
זיסט וועלן מיר זוכן אין זיין פריערדיקן שאַפן די נאָך גרעסער
מעלות פון זיין איצטיקן שאַפן.

יעקב גלאַטשטיינס וואונדערבאַרער דיכטונגס־גוף האָט ווי פלו
לונג באַקומען אַ גרויסע נשמה; זיין פערזענלעכע קלוגשאַפט איז ג

וואָרן אַן אויסדרוק פאַר דער אור־אַלטער חכמה פון זיין פאָלק; זיין שעלמישער שמייכל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַטאָסדיקער אי־ראָניע; זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט, וואָס האָט זיך געשפּילט אומ־שעפּעריש, וואָס האָט עקספּערימענטירט פון כוחות־איבערפלוס (נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין ערנסטן ציל), וואָס פלעגט זיך אַמאָל אַריינ־לאָזן אין אַן אמתער קלאָונאַדע, — די דאָזיקע שפּראַך־מייסטערשאַפט ווערט אַ מעכטיקער מיטל פאַר אַ גרויסן ציל; ער ווערט דער מקונן פון אַ פאָלקס־טראַגעדיע לדורות, לדורות.

אמת, אויך אַמאָל פלעגט מען קאָנען אָפּטיילן ביי גלאַטשטיינען, וואו ער שפּילט זיך מיט שפּראַך פון שעפערישער העזה, און וואו ער שאַפט נייע שפּראַך־מיטלען, — אָבער היינט הערן מיר אָפּט אויף צו שפּירן ביי אים סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע (און וואו מען שפּירט — טויג נישט), — זיין מעכטיקער, לאַנג־געשמידטער שפּראַך־אינסטרומענט דינט אומבאַוואוסטזיניק (לויט דער ווירקונג אויף אונדז) דעם גרויסן ווילן צו שאַפן גרויסעס, וואָס האָט זיך אין גלאַטשטיינען פאַנאַנדערגעגליט.

מיט איין וואָרט: אויב גלאַטשטיין האָט זיך ביז מיט אַ יאָר 10־12 צוריק געשפּילט מיט קליניקייטן און אפילו אָפּט געשאַפן קליניקייטן, איז ער נאָכן איבערפּאַקן דעם שפּיל־פּעריאָד רייף געוואָרן מיט גבורה (טאַקע אפשר אָנגעזאַמלט טיילווייז אינעם שפּיל־פּעריאָד) און אָנ־געפילט די אויסגערייפטע פאָרמען מיט אויסגערייפטן אינהאַלט.

די ליטעראַטור אונדזערע האָט זיך בכלל לעצטנס פאַרטראַכט (אין הסכם מיט די „פּאָדערונגען„ פון אונדזער לעבן) און זי איז ערנסטער געוואָרן, — איינער פון די סאַמע ערנסטע איז דער אַמאָל איינער פון די שפּילעוודיקסטע און לייכטזיניקסטע, — יעקב גלאַט־שטיין.

געוויס האָט מען תמיד געפילט אין זיינע שפּילעוודיקסטע זאַכן, אַז ער פאַרמאָגט גרויסע פעאיקייטן; מען פלעגט באַוואונדערן די שפּיל פון זיין דיכטערישער מוסקולאַטור, — אָבער אפילו ביי די בעסטע זאַכן פלעגט מען האָבן אַ מאָדנע געפיל: עס איז זייער גוט, אָבער צו לייכטוואָגיק. מ׳פלעגט אים אָפּוועגן און געפינען, אַז ער איז לייכט אויף דער וואָג, אַמאָל שוין צו לייכט.

צי קאָן מען דען, למשל, זאָגן, אַז „דאָס אַלמאַנכן" איז נישט שעל־מיש געשריבן? אַז דאָס איז נישט גראַציעז? אַז דער סטיל האָט קיין טויזנט חנען נישט? אָבער — דער „מאי קא משמע לן?", וואָס גילט נישט נאָר פאַרן תלמוד, נאָר אויך פאַר דיכטונג, בלייבט ביים „אַל־מאַנכן" אָן אַ תשובה נישט נאָר פאַר דעם אינטעלעקט (דאָס איז נאָך נישט דעצידירנדיק פאַרן פאַראורטיילן אַ ליד), נאָר אויך פאַרן געפיל.

ווען איך האָב אַ דערשטוינטער און אַ באַטויבטער געלייענט, נאָך דער מלחמה, יעקב גלאַטשטיינס לידער וועגן בראַסלאַווער, — לידער, וואָס לויט זייער אוניווערסאַלן פאַרנעם אינעם טיף־יידישן לבוש, גע־הערן זיי צום בעסטן און טיפסטן, וואָס די מאָדערנע יידישע דיכטונג האָט אַרויסגעבראַכט (ער האָט נישט נאָר אינעם בראַסלאַווער געפונען אוניווערסאַליסטישע מאָטיוון, — ער האָט אוניווערסאַליסטישע מאָ־טיוון איינגעפּאַסט אין דער יידישלעכסטער ראַם, וואָס קאָן נאָר געבן), — איז מיר ביי איין שטעלע געקומען אין זכרון גראָד „דאָס אַלמאַנכן".

„דאָס אַלמאַנכן" איז אַן עראָטיש געדיכט, און דאָס פינפטע ליד פון „דער בראַסלאַווער צו זיין סופר" איז אויך אַן עראָטיש געדיכט. אָבער סאַרא אונטערשייד. דאָס שטיפעריש־פאַרשייטע איז געוואָרן בלוטיקער ערנסט; דאָס יידיש־אַלעגאָרישע איז געוואָרן אור־יידיש, יידיש־אוניווערסאַל (אָדער אוניווערסאַל־יידיש, ווי איינער וויל).

איך קאָן דאָ נישט ברענגען ביידע געדיכטן אינגאַנצן, — איך וויל אָבער ברענגען צו עטלעכע שטעלן פון ביידע.

פונעם „אַלמאַנכן":

אַ רירעוודיקער טאָג. אַלץ האָט געאָטעמט,
ווען עגמאַן האָט געוואָרפן זיין ווייב
די טרויעריקע צוועלף שורות צו די פיס.
און צו זיינע קעץ האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם לעקער
און געזאָגט — לעקישבער! יאַכטשי בעבע!
און עגמאַן איז פריי און אָט גייט ער פאַרביי אַ שטיבל און:
פאַרן שטיבל איז געשטאַנען אַ יונגפרוי און געזונגען:
איך בין דאָס יונגע אַלמאַנכן...
רו זיך אָפּ אַ נאַכט און מאָרגן גיי דיר דיין וועג.
האָט עגמאַן געזאָגט — רעכט, מען דאַרף אויספּרובירן,
ווי וואַרעם ס׳איז אַ פרעמד מאָלצייט,
אַ ניי געלעגער
און עס פאַרשרייבן אויף צו געדענקען.
און ס׳איז געווען וואָס צו געדענקען:
...אין בעט איז זי געווען סיי ליב און סיי געדולדיק
און ס׳איז קלאָר, אַז
...ווען דער טאָג האָט אַוועקגעפּראַלט די טיר,
האָט עגמאַן געהאַט באַשלאָסן שוין פריער —
דאָ בלייבט ער נאָך אַ נאַכט.
אָבער זאָרגלאָז איז ער נישט געווען, עגמאַן:
...ווייל ס׳איז עגמאַנען געווען אַזוי גוט
האָט אים אַ שניט געטאָן די זאָרג,
אויב ער וועט צומאָל נישט אָפּפינסטערן דאָ
נאָך גאַנצע צען יאָר.
אָבער נאָך פאַר דער צווייטער נאַכט האָט עגמאַנען די זאָרג פאַר־לאָזן:

דאָס יונגע אַלמאַנכן האָט אים אָבער גערופן אָנבייסן:
עגמאַן איז אַריין אין הויז און ס׳האָט אים פּלוצים
אַ בליאַסק געטאָן אין קאָפּ
דאָס בעט, וואָס האָט געזויבערט מיט ציכן
און מיט וואַרימע קאָלדרעס.
האָט דער קאַפּריזנער עגמאַן ווידער צעוואָרפן דאָס בעט...
דאָס אַלמאַנכן האָט מיט אַ געלעכטער
אַלץ באַגריפן און באַנומען,
האָט זי אויך צוגעגעבן, אַז דאָס אָנבייסן
וועט נישט אַנטלויפן.
און דאָס איז דער סוף.

עס שלייכן דורך דאָזיקן עראָטיש־שטיפערישן געדיכט עט־לעכע בלאַסע שאָטנס פון געדאַנק און געפיל:

עגמאַנען האָט זיך פאַרוואָלט פאַרצייכענען
אַן ערנסטן פאַרטראַכט
וועגן קעצלעך, וואָס מען נעמט, מיר נישט, דיר נישט,
און מען שטעקט זיי אַרויס אַ לעקער,
און וועגן דעם שאַרפן שניט פון צוועלף שורות.
אָבער:
דעם פאַרטראַכט האָט ער באַהאַלטן,
ווי מען באַהאַלט אַ בליישטיפט הינטער דעם אויער,
אויף ווען מען וועט עס באַדאַרפן.

אין דאָזיקן געדיכט האָבן דאָס נאָך עגמאַן און גלאַטשטיין נישט באַדאַרפט: די ערנסטע טענער בלייבן הענגען אין דער לופטן, — נישטאָ אויף וואָס זיי אויסצושפּילן.

אָבער דער זעלבער עראָטישער מאָטיוו ווערט גאָר אַנדערש אויס־גענוצט און אויסגעדריקט, ווען גלאַטשטיין הערט זיך אויף צו שפּיל[en] און זיין מעדיום איז נישט עפּעס אַ פורימשפּילעריש־פאַרקליידטע[r] עגמאַן, נאָר אַ ייד פון אוניווערסאַלע דימענסיעס, ווי נחמן בראַסלאַ־ווער.

דער סטיל איז דאָ אַמאָל ענלעך צום סטיל פון „אלמאנכן":
למשל, נעם דעם יצר טוב — אַ שיינער מחותן, אַן אַנגעלייגטער גאַסט.
לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בייכל פון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פון שלעכטס.
פרומע יידעלעך טרייבן אים נעבעך האַלדז און נאַקן.
ער פאַסט ביי זיי תעניתים.
ער חלשט נאָך אַ לעפל וואַרעם געקעכץ.
אָבער לייענט נאָר ווייטער:
ביינאַכט, אויב דו האָסט נאָר אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פון אַלע ש"י־וועלטן
וויינט מיט איין רוף:
גוף !
און אָט קומט דער געזאַנג, איינער פון די שענסטע עראָטישע געזאַנגען (אין אַ ליטעראַטור, וואו עס איז דאָ אַ „שיר־השירים"):
כ'מיין ס'איז ממש אַ מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס'איז שפּעט ביינאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מיינע רייד, מיטן אויער נישט צו כאַפּן.
ס'קאָן נאָך, חלילה, ווערן אַ געמיש.
נו, וועט מען שרייען, וויל ער, אפשר, מתיר זיין אַן אשת־איש?
און וואָס מיין איך דען צו זאָגן?
ס'רייסט מיר ס'האַרץ אויפן יצר פון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפט, חשק, פאַרלאַנג,
כוח, געמעכץ,
און ס'איז דאָך געזאַנג,
און ס'איז דאָך געוויין און סוד פון שטאַם,
און דאָס איז דאָך תענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד־גליד פון הייליקן פלאַם
און דאָס ליכט פון אירס און זיינס וואָס ווערט איין,
נתן, ביסט נעבעך מיד, ס'קלעפּן זיך דיר די אויגן.
שלאָפסט איין.
לאָמיך נישט מיט מיינע רעיונות אַליין.
וואַך מיט מיר. פאַרבלייב.
נתן,
פאַרשרייב.
און ס'האָט געלוינט פאַרשריבן צו ווערן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דידאָזיקע צוויי לידער אַביסל לענגער, הגם כ'האָב גענומען פון די וואונדערבאַרע בראַסלאַווער־לידער נאָר איין מאָטיוו פון זייער מאָטיוון־רייכקייט), ווייל איידער איך גיי איבער צו גלאַטשטיינס ריין־נאַציאָנאַלע לידער, צו זיין גרויסער דיכטונג פון גרויסן חורבן, האָב איך געוואָלט וויזן כאָטש אויפן ביישפּיל פון איין מאָטיוו, אויפן עראָטישן, ווי פאַרענדערט גלאַטשטיין איז געוואָרן, ווי טיפער און שטאַרקער, ווי גרויס־דיכטערישער.

ט

ווען איך האָב דערזען נאָך די לידער פון די „יידישטייטשן" די פּראָזע פון „ווען יאַש איז געפאָרן", האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן: אפשר האָט גלאַטשטיין ענדלעך געפונען זיין קינסטלערישער פאָרם?
ווען איך האָב געלייענט זיין „אַ גוטע נאַכט, וועלט" האָב איך געגעבן אַ טראַכט: אפשר האָט גלאַטשטיין ענדלעך געפונען זיין גרויסן אינהאַלט?
ווען איך האָב געלייענט די לידער וועגן בראַסלאַווער, איז מיר מיט יעדן נייעם ליד אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז גלאַטשטיין האָט גע־

פונען סיי זיין פאָרם, סיי זיין אינהאַלט אין דער דיכטונג, אַז ער האָ
דערגרייכט אַ הויך פון פאָרם און אינהאַלט, צו וועלכע וויניקע דער
גרייכן.
אָבער, ווען ס'איז מיר צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט זי
ליד „אָן יידן" (און געלייענט עס אָן אַ שיעור מאָל), איז דאָס ערשט
געפיל אויף דער הייסער מינוט — געווען דאָס זעלבע, ווי נאָכן לייע
נען עס צום צוואַנציקסטן מאָל: סאַראַ ווייטיק עס איז, וואָס אַזאַ לי
געשאַפן פאַר אַ פאָלק, ווערט פון פאָלק נישט געלייענט. מיליאָנע
וואָלטן באַדאַרפט לייענען דאָס דאָזיקע ליד, זיך דורכדרינגען מי
אים, פאַרקנעטן אין זיך און פאַרדייען גייסטיק זיינע געפילן, זיין אויס
דרוק פאַר אונדזער גרויסן אומגליק. די גאַנצע טראַגעדיע פון יידיש
פאָלק, פון זיין שפּעפערישער נשמה (אַ נשמה אָן אַ גוף), אַ טראַגעדי
וואָס מען פילט ביים לייענען יעדע שעפערישע יידישע שורה, — ווער
באַזונדערס בולט ביים לייענען דידאָזיקע גרויסע שאַפונג.
ווי שווער עס איז צו געבן אַ דירעקטן אויסדרוק דעם אומאויס
דריקבאַרן, ווי דאָס איז אונדזער טראַגעדיע. אָבער אין דאָזיקן גע
דיכט, האָב איך דערפילט, האָט דער דיכטער געפונען אַן אומדירעקט
מיטל זי אויסצודריקן; ער פּראָאיצירט דעם אומקום פון יידישן פאָ
אויפן אומקום פון גאָט, און דער אומגעריכטער קער גיט אונדזער צע
ווייטיקטער, אָבער אויך פאַרטעמפּטער נשמה אַ וויזיע פון דעם, וואָ
עס איז געשען.
ווי שטיל עס איז דאָס דאָזיקע ליד, וואָס שרייט מער ווי טויזנ
שטורעמס:
אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.
דידאָזיקע שטילע, אָבער געוואַלטיקע וויזיע, גיט דעם דיכטע
אַ מעגלעכקייט אַריינצואוועבן אפילו דירעקט די גרויסע טראַגעד
אין עטלעכע שורות. זי איז דאָך נאָר אַ פּרט־אילוסטראַציע צו ד
גרויזאַמער וויזיע וועגן אַ שטאַרבנדיקן גאָט; ער גיט אים, דעם יידי
גאָט, בלויז אַ דערקלערונג פאַרוואָס ער שטאַרבט אָפּ:
אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט,
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט...
ווייל מיר זענען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.
אָבער איצט?
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן...
דער יידישער חלום און די יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אינאיינעם.
ס'שלאָפן עדות גאַנצע,
עופהלעך, פרויען,
יונגעלייט און זקנים.
אפילו דיינע זיילן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל"ו,
שלאָפן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.
פון דידאָזיקע זעקס שורות, מיט זייער ריטם, נעמט דורך אַ ש
דער וויפל מאָל מען זאָל זיי נישט איבערלייענען: ווי אַלץ, וואָס ס
אַלע האָבן איבערגעלעבט און איבערגעפילט, וואָלט זיך אייביק געווי
אין דידאָזיקע שורות, אין זייער כוואַליעדיקן ריטם, און זיי כאַפּן או

אויף און טיילן זיך אונדז מיט, ביי יעדער באַרירונג מיט זיי.

„ס'שלאָפן עדות גאַנצע" גיט אַ נעם, רודערט אויף די מינדסטע פאָרשטעלונגס־קראַפט מער ווי טויזנט קינות; עפּעס ליגט אין דידאָ־זיקע ווערטער אַ געוואַלדיקער כוח, דער געהיימנישפולער כוח פון דיכטונג.

און דאַן קומט ווידער דער עיקר, דער טויט פון יידישן גאָט, וואָס שטרייכט בלויז אונטער ווירקזאַם דעם טויט פון יידישן פאָלק:

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר אויף אַ פאַרבענקטער בריק
אַוועק פון דיר, כדי צו קומען צוריק?
די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק,
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.
ס'פלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

ווי אַ פייערדיקע קלאַמרע נעמען אַרום דידאָזיקע פינף לעצטע שורות דאָס געוואַלדיקע ליד, איינס פון יענע לידער, וואָס וועלן אַריינגענומען ווערן אין אונדזערן אַ נייעם סידור אָדער מחזור, אויב מיר וועלן אים שאַפן.

ביים לייענען צום ערשטן מאָל דאָסדאָזיקע ליד האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען זיין ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט" (וואו דער דיכ־טער האָט נביאות געזאָגט און אפשר נישט געוואוסט קלאָר מיטן באַ־וואוסטזיין, וואָס ער זאָגט נביאות); כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז יענע ליד איז נישט געווען קיין צופעליקע דערשיינונג.

און פון די צוויי לידער־ביכער, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען ערשט, אין אויסטראַליע: פון די 'געדענקלידער" און פון די „שטראַלנ־דיקע יידן", שטראַלט פאַר אונדז אַרויס — אין די בעסערע לידער פון דידאָזיקע זאַמלונגען — יעקב גלאַטשטיינס גרויסע נאַציאָנאַלע ליריק.

ביאַליקס פויגל האָט אים אונטערגעזאָגט זיין אייגענעם באַשלוס:

נעם אַ פּנקס און פאַרשרייב
דאָס לעגענדאַרישע אומגליק.

און אין די בעסערע לידער האָט ער דאָס אויסגעקריצט, ווי אויף לוחות.

פאַראַן לידער, באַזונדערס צווישן די „געדענקלידער", וואָס פאַר־מאָגן נאָך שפּורן פון גלאַטשטיינס אַמאָליקע חסרונות: עס גיט אַ פּלאַץ אַריין אינעם דיכטונגס־שטראָם אַ שטיפעריש וואָרט, וואָס קלינגט ווי אַ דיסאַנאַנס.

אַזאַ, למשל, איז דאָס ליד „לובלין, 1941".

אַ שיין, רירנדיק געדיכט, אָבער מיטאַמאָל דערמאָנט זיך גלאַט־שטיין אין זיין שפּראַך־שטיפעריי:

גאַנץ קהלס ווייטיק שרייט צום זיבעטן הימל.
ס'יעלה'ט, ס'וויל דערמאָנען.
אפשר האָט מען אין אונדז חלילה פאַרגעסן.
עד מתי, גוואַלד, ביזמאַלע וואַנען „

„ס'יעלה'ט" איז אויך נישט קיין פּאַסיק וואָרט אויף דערדאָזיקער שטעל, ווייל עס שמעקט, אין שפּראַך־געברויך, מיט איראָניע, מיט גרינגשעצונג צום וויינען; אָבער „ביזקאַלע וואַנען" אַנשטאַט „ביזקל וואַנען" איז גאָר געשמאַקלאָז. אינעם דאָזיקן „ביזקאַלע" גיט אַ שטעק אַרויס דעם קאָפּ דער שפּראַך־קונצנמאַכער אויף אַ ביז גאָר נישט פּאַסיק אָרט. די שטיפערישע געקינסטלטקייט פון דאָזיקן „ביזקאַלע" אין אַזאַ טויט־ערנסטן מאָמענט שמעקט מיט שקאָצעוואַטישקייט, אָבער דערביי אָן דעם חן, וואָס עס האָט אין גלאַטשטיינס אַנדערע געדיכטן. אַזאַ „ביזקאַלע" וואָלט זיך געוועין אַריינגעפּאַסט, ווי אַן אבן טוב, אין געוויסע שטעלן פונעם „אלמאנכן", וואו שעלמישע שטיפערישקייט איז פּונקט אויפן אָרט.

דאָסזעלבע קומט פאַר אַביסל ווייטער אינעם זעלבן ליד:

און אַז מען איז גאָר זוכה, איז גאָטבעכי אַליין
גיט אַזאַ יתומל אַ ברוך הבא.

„גאָטבעכי" איז בכלל נישט קיין שעפעריש, נאָר אַ שטיפעריש ניי וואָרט. אָבער דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט? אין דאָזיקן ליד?

דאָס דערמאָנט די ערגסטע טראַדיציעס פון די „יידישטייטשן".

פאַראַן לידער אין זיינע 2 זאַמלונגען („געדענקלידער" און „שטראַלנ־דיקע יידן"), באַזונדערס אין זיין זאַמלונג „שטראַלנדיקע יידן", וואָס פאַרמאָגן אַ היפּשע טייל עסייען אָדער עסייאיסטישע טיילן אין ווייסן פערז, — עסייען און עסייאיסטישע טיילן שאַרף־פּענטירטע, גרויס־אַרטיק־פאָרמולירטע: („אונדזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער שעה")

און מען גלויבט אונדז אַלץ נישט
אַז מיר זענען נישטאָ.
מען וויל נישט הערן אונדזער קלאָגן.
אונדזער טויט האָט קיין וואָרצלען נישט געשלאָגן.

אָבער דאָך עסייען, אָדער אַמאָל אפילו אַרטיקלען, ווי למשל, „נאַכטלידער". עס איז גוט, ווען אַן עסיי פאַרמאָגט אין זיך גוטע דיכ־טונג, אָבער ווען דיכטונג פאַרמאָגט אין זיך גוטן עסיי — איז אַביסל ערגער...

אָבער אין די בעסערע לידער פון דידאָזיקע צוויי לידער־זאַמ־לונגען, האָט גלאַטשטיין דערגרייכט די מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלן דיכ־טער.

איך האָב שוין באַמערקט, ביים דערמאָנען גלאַטשטיינס לידער־ציקל וועגן בראַסלאַווער, אַז גלאַטשטיין איז געוואָרן טיף־יידישלעך אין אינהאַלט און אין פאָרם, אָבער דאָרט האָט ער באַנוצט אַ יידישן סימבאָל און אַ טיף־יידישע פאָרם, כדי צו דערגרייכן אוניווערסאַליס־טישע הויכן פון פילאָזאָפישע אַנונגען און דיכטערישע איבערלעבונגען; די פיגור פונעם בראַסלאַווער און די יידישע פאָרם פון זיינע רייד און געדאַנקען זענען אַ ביי־זאַך, — דער עיקר איז דאָרט דאָס אַלמענטש־לעכע. אָבער. אין אַזאַ גרויס ווערק ווי „גאָט איז אַ טרויעריקער מה"רל", נעמט גלאַטשטיין אַ אוניווערסאַלן געפיל, — די אָנמאַכנ פון גאָט, — און דריקט עס אויס דורך יידישע סימבאָלן, כדי פּלאַסטיש צו פאַרקערפּערן דעם יידישן גורל. דאָ איז דאָס אוניווערסאַלע אַ ביי־זאַך, אַ מיטל, ווייל דער גורל פון יידישן פאָלק, דאָס געמיט פון יידישן פאָלק אין היינטיקער צייט, איז דאָס אוניווערסאַל־וויכטיקסטע, ווייל דאָס טראַגישסטע, דאָס גרויס־סימבאָלישע פאַרן גורל פונעם מענטשן בכלל, פאַרן גורל פון דער מענטשהייט.

„גאָט איז אַ טרויעריקער מה"רל", ווייל דעם גולם — די מענטש־הייט, — וואָס ער האָט געשאַפן, קאָן ער מער נישט באַהערשן:

די פאַרגלמטע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע —
זי האָט אים איבערגעמעכטיקט...
נישט ער האָט אויסגעטראַכט אַזויפיל בראָכן.
ער ווערט פאַרשעמט און קליין אין געמיט,
ווי יעדער דערשראָקענער ייד.
שטילערהייט וועט ער זיך אַריינגנבענען אין שול.
אַן איינגעהילטער אין טלית וועט ער שטיין
אין פאָליש ווי אַ בעל־תשובה
און רייסן די פאַרטונקלטע הימלען מיט געוויין.

גאָט אין דער ראָל פון אַ בעל־תשובה, גאָט שטייט אין פּאַליש ווי יעדער דערשראָקענער ייד; גאָט שרעקט זיך פאַר דער וועלט, ווי יעדער ייד, און וויינט צו די הימלען הילפלאָז און אָן רעזולטאַט, ווי יעדער ייד, — ווער קאָן וויסן, ווער אין פּאַליש עס איז גאָט, און ווער עס איז ייד? איר קענט זען אין גאָט אַ געוויינלעכן ייד, און אין יעדן געוויינלעכן ייד — גאָט, וואָס דער גולם, וועלכן ער האָט באַשאַפן, האָט אים איבערגעמעכטיקט...

דער סימבאָל גופא פון גאָט אַלס מה"רל און פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט אַלס גולם, וואָס האָט געכאַפּט די האַק און לאָזט זיך מער נישט באַצווינגען, — דערדאָזיקער סימבאָל גופא איז דיכ־טעריש גרויס. אָבער ווי טיף יידישלעך — לויטן געפיל — איז גאָט אַלס בעל־תשובה אין אַ יידישער שול, אַלס איינער פון זיין פאָלק.

גאָט אַלס טרויעריקער מה"רל איז אַ אוניווערסאַליסטישער מאָ־טיוו, וועלכן גלאַטשטיין האָט דיכטעריש אַנעקסירט בלויז פאַרן יידישן פאָלק, ווייל אין היינטיקן דור איז נישטאָ קיין איין פאָלק, וואָס זאָל קאָנען פּרעטענדירן אויף אים, וואָס זאָל האָבן רעכט אויף דער דאָזיקער דיכטערישער טרייסט פון פילן, אַז גאָט מוז זיך שפּירן אַלס ייד, אַז ער מוז תשובה טאָן אויף זיין גרויסער זינד פונעם גולם־באַ־שאַף, אַז ער מוז זיך פילן הילפלאָז ווי אַ ייד, ווייל יעדער ייד איז היינט אין דער מדרגה פון אַ הילפלאָזן גאָט — טראַגיש ווי ער און הילפלאָז ווי ער און הייליק — אין זיין טראַגישקייט — ווי ער.

פאַר אַלע טיפסטע געפילן — ביז זייערע דינסטע ניואַנסן, — וואָס אַ גלות־ייד פון היינט און פון אייביק מוז איבערלעבן, האָט גלאַט־שטיין געפונען אַן אויסדרוק אין זיין דיכטונג פון לעצטן פּעריאָד, — אין זיין נאַציאָנאַלער דיכטונג.

סאַראַ טרויער, סאַראַ אַנונג פון חורבן עס דרינגען דורך די בעס־טע לידער גלאַטשטיינס פון די יאָרן 1937־1939.

און דאָס איז אַ דיכטערישע, — דאָס הייסט: אין פּינטל־טרעפנ־דיקע — פאַרקערפּערונג פון די געפילן, וואָס די ברייטסטע יידישע מאַסן אין דער וועלט — אין דער פּאַשיזירטער וועלט — האָבן אי־בערגעלעבט אויף דער וואָר און אין די חלומות.

די קומענדיקע יידישע דורות, ווען זיי וועלן וועלן איבערלעבן אונדזער היינטיקן יידישן אומרו, אונדזער היינטיקע יידישע אומזי־כערקייט, אונדזער יידישן געפיל פון זיין הפקר, — וועלן דאַרפן בלויז איבערלייענען דאָס שטאַרקע געדיכט „עס איז אונדז באַפאַלן אַ הונגער", פון די „געדענקלידער" (אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אַ סך אַ גרעסערער פּראָצענט געדיכטן פון די „געדענקלידער" זענען שטאַר־קער פאַר די לידער פון די „שטראַלנדיקע יידן").

מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַן אייגן שטיקל הימל,
נישט צום פאַרזינדיקן...
אמת, נישט אַלע ווינשוואַניעס
זענען מקוים געוואָרן.
אָבער ביי אַ סך וויגעלעך
שטייען געדונגענע גאָלדענע ציגעלעך.

איז דאַכט זיך גוט, — יידן זענען, ברוך השם, איינגעאָרדנט (די טרייסט־וועגן!) אָבער:

נאָר די ביינער ברעכן.
ניין, נישט דאָס בעט האָט אַ קרעכץ געטאָן,
האָט דערהערט דאָס קול פון די אייגענע ביינער —
וואַנדער ביינער.
טוסט אָן די שטעקשיך,
גייסט אַרויס אין שטילן דרויסן...
דוכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין אייגענער
פון דיין אייגענער פּיראַיילעקייט?
גיסט אַ טאַפּ דעם פייגנבוים,
אַ גלעט די ציגל פון הויז.
ס'וויל דיך פאַרזיכערן די שויב די ליכטיקע.

אָבער אין אַפּריל פון 1939, ווען דאָס דאָזיקע ליד איז געשריבן געוואָרן, איז נישטאָ קיין זיכערקייט פאַר אַ יידן, וועלכער פילט די וואַנדער־ביינער (און ווער פילט זיי דען נישט, דאַן און שפּעטער און איצט!?). און דער ייד, וואָס פילט די וואַנדער־ביינער און קאָן נישט שלאָפן, פיבערט דורך אין זיין כלומרשטער זיכערקייט די אמתע, איינציקאַרטיקע יידישע אומזיכערקייט. ער פילט — און מיר פילן מיט גרויל:

ס'שלאָפט דאָס ווייב, ס'שלאָפן די קינדער.
אַוודאַי האָבן די יאָרן אַ ראַם.
אַ רגע, אַ מינוט און ס'ווערט אַלץ
כמעט גאַנץ און גוט.
פּלוצים עפנט זיך די טיר.
מען דערלאַנגט דיר אַ פּאַפּיר
גלייך אונטער דער נאָז.
שוין איינמאָל אַ צדקדיקער חשבון:
מען רעקוויזירט דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטקייט,
די ציגל, די לופט, די ערד,
דאָס רעכט אויף געפּאָרטקייט,
אפילו דאָס געדונגענע גילדענע ציגעלע...
זאָל זיין ס'איז נאָך קיינער נישט געקומען,
אָבער מיינע ביינער קרענקען שוין דערמיט,
מיט דער פייכטקייט פון יידישן וועטער...
עס קרעכצן מיינע איבערגעשראָקענע ביינער —
וואַנדער־ביינער.
פאַרטאָג.
דאָס לעבן קרייעט קוקורעקו.
באַלד וועלן אָנהייבן מאָלן די פּרנסה־מילן.
אָבער, אסור, אויב עס וועט שטילן
דעם הונגער וואָס איז אונדז אַלעמען באַפאַלן,
דעם טרויעריקן הונגער.

דעם הונגער נאָך אַביסל פּשוטער, מענטשלעכער זיכערקייט (וואָס אין דעם איז די טרייבקראַפט פון אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער רע־וואָלוציע).

אָדער: נאָך אַ ביסל פּשוטער מענטשלעכער אומזיכערקייט, וואָס איז אַזוי זיכער לגבי דער יידישער „זיכערקייט".

און ווען דער ייד, וואָס עס ברעכן אים זיינע וואַנדער־ביינער, קוקט זיך אַרום נאָך שוץ, דערזעט ער די „ליבעראַלע" וועלט, וואָס איז פאַר אים אַ יאַטקע־קלאָץ („אויפן יאַטקע־קלאָץ", געשריבן אין יוני 1939, אין די געדענקלידער"):

ס'האָט זיך אַביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
ווען איך בין געשטאַנען אַ צעדאַמטער
אויפן יאַטקע־קלאָץ, ווי אַ קנעכט צום פאַרקויפן...

מיט וואָסער פאַרניכטנדיקן סאַרקאַזם גלאַטשטיין שטעמפּלט די רחמנות־וואַקכאַנאַליע, אַרום דעם יאַטקע־קלאָץ, פאַרן יידישן פאָלק:

פאַר די צען פאַרזאָגן אַליין
דאַרף מען מיט אים טאָן חסד
און פאַרטראָגן דעם דאָזיקן קריכער,
לומפּ, הורענזון און מאַרוויכער.

און הערט ווי ער בעבעט זיין לשון,
ווי ער פּראָוועט באַזונדעריש אויף אונדזער ערד...
האָרכט ווי ער ריטשעט וואָס מען האָט זיין ברודער געשאָכטן,
קוקט ווי ער מאַכט אונז דאָס לעבן מיזעראַבל —
צערטלט מיך אַ באַסאָווער ליבעראַבל...

אָט דאָ איז אַ ניי וואָרט, וואָס שטראַלט מיט שעפערישקייט, מיט אַסאָציאַציעס, ווייל עס גיט צו טויזנט ניואַנסן דעם באַנקראָטירטן וואָרט „ליבעראַל״:

ס׳האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
צווישן די יאַטקעס.
כ׳בין געשטאַנען אין הוילן העמד און צעפליקטע גאַטקעס,
און זיי האָבן מיר געטרייבערט די אָדערן
מיט פאַרטיידיגאַכץ...
אַ פרומע אַלטיטשקע האָט איבער מיר געמאַכט אַ צייכן
אין דער לענג און אין דער ברייט
און אַלץ אַרום האָט גענומען נישט ווערן.
איך בין געבליבן אַליין אונטער אַ הימל פון קעלטעניש.
די שייקע איז אַרויס פון באַהעלטעניש
און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.
די קלעפּ זענען מיך שוין נישט אָנגעגאַנגען.
איך האָב מיט אַ סקרוך געדענקט
ווי זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט,
אַרום דעם יאַטקע־קלאָץ דעם רונדן,
ווי זיי האָבן געבלעקעכצט איבער מיין צענערעגט לייב,
און ווי די בינען איינגעגעסן דעם האָניק אין מיינע וואונדן.
און דאַן קומט די לעצטע סטראָפע:
האָסט פאַרלאָשן אין שטערן, צוויי, דריי,
דיין גאַנצע צעליכטיקטע פּראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין,
אין דיין אייביקער נאַכט.

איינער אַליין אין דער נאַכט פון דער וועלט, איין פאָלק — אָן וואפן, ווי אַ שעפּס, — צווישן אַ טשאַטע פעלקער־וועלף, פעלקער־שאַקאַלן, פעלקער־שלאַנגען.

וואָס איז דער געשריי פונעם לעגענדאַרן נוצרי „אלי, אלי למה שבקתני״ אַקעגן דאָזיקן אויסגעשריי — נאָכן מוראדיק־רעאַליסטישן בילד „אויפן יאַטקע־קלאָץ״:

גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין
אין דיין אייביקער נאַכט.

נישט נאָר די קלעפּ טוען אונדז וויי, ווען מיר דערפילן טיף אונדזער לאַגע, — אונדזער פאַרצווייפלטע, האָפענונגלאָזע איינזאַמקייט אין דער אייביקער נאַכט פון דער וועלט טרייבט צו משוגעת אין צייטן, ווען דער גלויבן אין אַ נס רינט אויס.

אַזוי אַ ליד נאָך אַ ליד, שטאַרק אין אויסדרוק, אָפּטמאָל אפילו ענדגילטיק אין אויסדרוק, און מען וואָלט געקאָנט — און געדאַרפט — ציטירן און ציטירן („לתרצ״ט, למשל, אין „געדענקלידער״), אָבער כ׳וועל זיך אָפּשטעלן בלויז נאָך אויף איין געדיכט. וואָס גיט אַ אימה־דיק בילד פון דער יידישער עקזיסטענץ דווקא דורך קלייניקייטן (דער־הייבנדיק זיי צו גראַנדיעזע סימבאָלן דורך דיכטערישע מיטלען).

דאָס געדיכט (אין „שטראַלנדיקע יידן״) הייסט „כ׳דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאָבוויי״:

כ׳לייען אַ יידיש בלאַט אין אַ ניויאָרקער סאָבוויי.
„דאָס דאַוון איך שחרית,
דעם בייזן גוי להכעיס,
וואָס ברענט מיינע יידישע אותיות,
מיט זיינע ביסטרע אויגן.
אָ, גאָט, האָב רחמנות
אויף די דערשראָקענע יידישע אותיות,
באַשיץ זיי ·
פון דער סאָבוויי־אינקוויזיציע.

אַז מען לייענט אַזעלכע שורות וועגן קליינינקע טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען, ווי די גוישע בליקן אויף אַ יידישער צייטונג אין אַ באַן אָדער טראַמוויי, הייבט מען אָן צו שפּירן דעם אייגנאַרטיקן צויבער פון גלאַטשטיינס טאַלאַנט:

די בליציקייט פון זיינע אַסאָציאַציעס און זייער דימענט־שאַרפע פּונקטירונג.

יעקב גלאַטשטיין דאַוונט „די יידישע נייעסן״, אָבער זיין שכן:
ער לייענט לאָקאַלע פּאָליטיק, ספּאָרט,
ער גריזשעט אַרום די צייטונג,
ווי אַ געניטע קו...
פון מיין שכן שמעקט מיט בראָנפן,
אויפן ניכטערן מאָגן.
ניין, ער וועט מיך נישט שלאָגן,
פאַרזיכערט ער מיר מיט גרויזאַמער גוטסקייט.
ער איז טאָלעראַנט.
אָבער פאַרוואָס זאָל אַזוינער ווי איך
נישט לייענען די שפּראַך פון לאַנד?...
דו ווייסט, זאָג איך אים אַזוי:
מיין הויך געשעצטער אינטערנאַציאָנאַלער גוי...
קאָנסט געהערן צו אַ לינקער, צו אַ רעכטער אָרגאַניזאַציע
און קיינער וועט דיך נישט באַשולדיקן
נישט אין שוואַרצן מאַרק,
נישט אין אינפלאַציע.
אָבער מיט אַלע מיינע פּאַספּאָרטן,
בין איך אַ שטאַטנלאָזער.
כ׳זיץ און ציטער
פאַר יעדן עקאָנאָמישן געוויטער...
כ׳קוק דיר אין די אויגן
צי ביסטו אַ הונגעריקער, אַ זאַטער.
ביסטו מילד, שיכור,
אָדער דו גייסט זיך צעשפּילן?
כ׳קוק דיר בסדר אין קראַטער.
כ׳ווייס נישט וואָס זאָל איך ווערן,
אַז כ׳זאָל דיר נישט זיין גרויס אין די אויגן...
מעג איך נאָך האַנדלען, קויפן, פאַרקויפן?
אָדער ס׳האָט שוין צוועלווע געשלאָגן
און מען דאַרף גיך כאַפּן די פּיס און אַנטלויפן?

איך מוז מאַכן אַן אָנשטרענגונג איבער זיך נישט צו ברענגען דאָס דאָזיקע גרויסע ליד אינגאַנצן: דאָ ליגט פיקסירט לדורות דער גרעסטער טייל פון אונדזער גלות־אומגליק. אָבער נאָך עטלעכע גרע־סערע שטעלן מוז איך ברענגען, ווייל זיי זענען אַזוי טרעפלעך פאַרן גורל פון אַ פאָלק אין משך פון צוויי טויזנט יאָר:

כ׳שטיי און קוק דיר אין די אויגן,
און פאָכע איבער דיר מיט אַ לאַטוס־בלאַט,
זיי נישט הונגעריק. זאָלסט מיר זיין אייביק זאַט.
ס׳זאָל דיר קיין שום שלעכטס נישט געשען.
פו, פו, קיין עין הרע,
זאָלסט מיר האָבן צו זעט,
חזיר און אייער,
באַשירעמט זאָלסטו זיין פון יעדער צרה.
ווייל אויף דיינע ריזיקע פּלייצעס
קאָנסטו נעבעך נישט פאַרטראָגן קיין שטרויעלע שלעכטס.